# **פרשת משפטים כ"ה שבט – א' אדר תשפ"א לפ"ק**

***יום ראשון פרשת משפטים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **חיים מרדכי ביקסנשפאן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **נתן בנימין וועקסלער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סקולען.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ה סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך איז געווען די פרשה פון מתן תורה, דער אייבערשטער האט געגעבן אויפן בארג סיני די עשרת הדברות. רש"י (שמות כ-א) זאגט, וידבר אלקים את כל הדברים האלה, מלמד אז דער אייבערשטער האט געזאגט די עשרת הדברות בדיבור אחד, מיט איין דיבור האט דער אייבערשטער געזאגט אלע עשרת הדברות, מה שאי אפשר לאדם לומר כן, א מענטש קען נישט אזוי רעדן, און דער אייבערשטער האט גערעדט אלע צען דברות אויף איינמאל, און נאכדעם חזר ופירש כל דיבור ודיבור, שפעטער האט דער אייבערשטער מפרש געווען יעדן דיבור.

**אנכי** ולא יהיה מפי הגבורה שמענום (מכות כד.), ווען דער אייבערשטער האט מפרש געווען דעם דיבור, האבן מיר געהערט פונעם אייבערשטען די ערשטע צוויי דברות, אנכי ולא יהיה. נאכדעם זענען יודען צוגעגאנגען צו משה רבינו און זיי האבן געזאגט, אז מיר קענען מער נישט הערן פונעם אייבערשטען, קרב אתה ושמע, דו וועסט הערן. און די איבריגע אכט דברות האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, און מען האט עס געהערט פון משה רבינו. - עס האט מיר געזאגט א יוד דעם מוצאי שבת, אז וועגן דעם שטייט אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אוריין תליתאי (שבת פח.), ווייל עס איז געווען איינגעטיילט אין דריי חלקים. קודם האט דער אייבערשטער גערעדט אלע עשרת הדברות, נאכדעם האט ער געזאגט צוויי דברות, און נאכדעם האט משה רבינו גערעדט די איבריגע דברות.

**די** השתלשלות הדברים ווען מען האט געבעטן משה רבינו זאל רעדן, שטייט אין פסוק אין פרשת ואתחנן אזוי (דברים ה-יט), את הדברים האלה דבר ה' אל כל קהלכם בהר מתוך האש, קול גדול ולא יסף, דער אייבערשטער האט גערעדט צו ענק מיט א גרויסע קול וואס האט זיך נישט אויפגעהערט, ויהי כשמעכם את הקול וגו', ותקרבון אלי כל ראשי שבטיכם וזקניכם, און זיי האבן געזאגט, היום הזה ראינו כי ידבר אלקים את האדם וחי, אונז האב מיר געזעהן אז דער אייבערשטער קען רעדן צו א מענטש און ער לעבט, ועתה למה נמות כי תאכלנו האש הגדלה הזאת, אם יוספים אנחנו לשמע את קול ה' אלקינו עוד, ומתנו, וועלן מיר שטארבן. קרב אתה ושמע את כל אשר יאמר ה' אלקינו, ואת תדבר אלינו את כל אשר ידבר ה' אלקינו אליך, ושמענו ועשינו. און דער פסוק איז זיך אזוי ווי סותר, זיי האבן אנגעהויבן צו זאגען פאר משה רבינו, אז היינט האבן מיר געזעהן אז דער אייבערשטער קען רעדן צו א מענטש און ער לעבט, ועתה למה נמות וכו', פארוואס וועסטו שטארבן? דו האסט דאך געהערט פונעם אייבערשטען, און דו ביסט געבליבן לעבן. דו האסט געהערט צוויי דברות, וועסטו הערן צען דברות. וואס איז דער ועתה למה נמות כי תאכלנו האש הגדולה הזאת?

**עס** קען זיין דער ענין דערפון איז, מען ווייסט אז אויף אמונה אינעם אייבערשטען, א מענטש זאל נישט לייקענען אינעם אייבערשטען, אדער דינען עבודה זרה, האבן זיך אין אלע דורות מוסר נפש געווען אפילו די פשוטע יודען. ער האט נישט געהאלטן גארנישט פון די תורה, אבער ווען עס איז געקומען זיך צו לאזן הרג'נען. אדער שמד'ט זיך אדער בלייבסטו א יוד, האבן אנשים נשים וטף אלעס איבערגעלאזט, און זיי האבן זיך נישט גע'שמד'ט. זיי זענען געבליבן מיט זייער אמונה. זיי האבן געהאט מסירת נפש, זיך געלאזט הרג'נען,

פארברענען, אינקוויזיציע, און שייטער אויוועגס ווי עס איז געווען בימים ההם.

**דאס** אז זיי האבן זיך געלאזט הרג'נען פארן אייבערשטען, די הלכה איז טאקע אזוי, יהרג ואל יעבור (פסחים כה.), אבער דער יוד האט עס נישט געטון ווייל עס איז דא א מצוה אין די תורה פון יהרג ואל יעבור, ווייל ער האט דאך נישט געהאלטן די תורה, ער האט דאך עובר געווען אויף אלע עבירות שבתורה. עס איז דא נאך עבירות וואס יהרג ואל יעבור, און ער האט עובר געווען אויף די עבירות אן דעם וואס מען זאל אים צווינגען דערצו. פארוואס ווען עס איז געקומען צו לייקענען אינעם אייבערשטען, האט ער זיך געלאזט הרג'נען?

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז אזוי ווי אנכי ולא יהיה מפי הגבורה שמענום, דאס האבן מיר געהערט פונעם אייבערשטען. יעדער יוד איז געווען ביי מתן תורה, און דעם אייבערשטען'ס קול איז אריינגעגאנגען אין די נשמה פון א יוד, אנכי ה' אלקיך, לא יהיה לך אלהים אחרים. עס איז געווען קול גדול ולא יסף, ולא פסק (תרגום אונקלוס), עס האט זיך נישט אויפגעהערט. דער קול גריבלט אין יעדן יוד, דער אנכי ה' אלקיך פונעם אייבערשטער איז א נצחי, איז עס געבליבן ביי יעדן איינעם. ממילא צו ער האט יא געהאלטן די תורה, צו נישט געהאלטן די תורה, אבער פון דעם אנכי ולא יהיה האט ער זיך נישט געקענט אוועק רוקן, און ער איז גרייט געווען אוועקצוגעבן זיין פארמעגן, אוועקצוגעבן זיין לעבן, און נישט אוועקצוגיין פון אמונת אלקי עולם.

**זעהט** מען דעם געוואלדיגן כח וואס א דיבור פונעם אייבערשטען האט געהאט, וואס האט געווירקט אויפן מענטש, את קולו שמעתי מתוך האש, א פייער ברענט אריין די זאך אין די זאך וואס מען לייגט אריין אין פייער. דער דיבור פונעם אייבערשטען איז אריינגעגאנגען אין יודישע קינדער, אז אויף דעם האט ער מסירת נפש. - אנדערע מצוות, האבן מיר נישט געהערט פונעם אייבערשטען אליין, דאס האבן מיר נאר געהערט פון משה רבינו. משה רבינו איז שוין נישט קיין נצחי, משה רבינו איז שוין א בעל גבול. און אז מען האט עס געהערט פון משה רבינו, איז דא גבולים, עס איז דא מצות וואס מען דארף זיך לאזן הרג'נען, עס איז דא מצות וואס מען דארף זיך נישט לאזן הרג'נען דערויף. עס איז דא מצות וואס איז א לא תעשה, וואס א מענטש איז מחוייב אוועקצוגעבן זיין גאנץ פארמעגן ער זאל נישט עובר זיין, און אויף א מצות עשה איז נאר דא א חיוב אויף א חומש פון זיין פארמעגן, כדי ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה. דא איז שוין דא הגבלות, ווייל דאס איז פון א בשר ודם. אבער אנכי ולא יהיה איז געקומען פונעם אייבערשטען, אן קיין חשבונות גייט א מענטש פאר מסירת נפש.

**מען** זאל זיך יעצט פארשטעלן, לו יצוייר אז מען וואלט געהערט פונעם אייבערשטען אליין אלע מצות פון די תורה, וואלט דאך ביי יעדן יוד געווען יעדע מצוה קלה וואס איז דא אין די תורה, וואלט עס אים געגאנגען עד דכדוכה של נפש, ער קען אויף דעם נישט עובר זיין. וועט ער מוזן פארלירן זיין פארמעגן, וועט ער מוזן פארלירן זיין געזונט, נישט דא א זאך, ער קען זיך נישט אוועקרוקן פון די מצוה. אזוי ווי מען זעהט היינט, אז פון אנכי ולא יהיה קען זיך א פשוטער יוד נישט אוועקרייסן, אזוי וואלט דאך געווען ווען מען וואלט מקבל געווען אלע מצות פונעם אייבערשטען, וואלט מען נישט געקענט אוועקגיין פון קיין שום מצוה. א מענטש וואלט זיך גע'הרג'עט, ער וואלט אוועקגעגעבן זיין פארמעגן, פאר יעדע מצוה אין די תורה. מען קען דאך נישט אזוי עקזיסטירן, איז דאך לא שבק חיים לכל בריה, וואלט דאך א מענטש פאר א יעדע נסיון וואס ער וועט האבן, אוועקגעבן זיין פארמעגן, מיט זיין לעבן מיט אלעם. ווען וועט ער דינען דעם אייבערשטען, עס וועט דאך קומען נסיונות אין יעדע זאך אין זיין לעבן. האבן יודען געזאגט, אונז קען מיר נישט מקבל זיין די גאנצע תורה פונעם אייבערשטען אליין, ווייל מיר האבן דאך טועם געווען וואס אנכי ולא יהיה מיינט, ווי אזוי עס איז אריינגעגאנגען אין אונז, ווייל מען האט געהערט דעם דיבור פונעם אייבערשטען, און וואס וועט זיין ביי אלע מצות פון די תורה, קען מען דען אזוי לעבן אז אויף יעדע זאך זאל מען אלעס מוזן אוועקגעבן, און האבן מסירת נפש. האבן זיי געבעטן אז משה רבינו זאל איבערנעמען די תורה פונעם אייבערשטען, און מיר וועלן עס מקבל זיין פון משה רבינו, משה רבינו איז דאך נאר א בעל גבול, משה רבינו'ס ווערטער איז נישט קיין נצחי, מיט דעם וועט דער מענטש האבן די בחירה, און קענען דינען דעם אייבערשטען.

**את** הדברים האלה דבר ה' אל כל קהלכם, דאס גייט ארויף אויף די צוויי דיבורים אנכי ולא יהיה, וואס מען האט געהערט פונעם אייבערשטען, און דאס איז געווען קול גדול ולא יסף, א קול וואס ענדיגט זיך נישט, עס מאנט פונעם מענטש שטענדיג, אנכי ה' אלקיך, לא יהיה לך אלהים אחרים. ויהי כשמעכם את הקול מתוך החושך, וההר בוער באש, האבן יודען געזאגט, הן הראנו ה' אלקינו את כבודו ואת גדלו, ואת קולו שמענו מתוך האש, אונז האב מיר געהערט דעם קול פונעם אייבערשטען, דאס איז א ברען פון פייער וואס איז אריינגעאנגען אין אונז. אמת, היום הזה ראינו כי ידבר אלקים את האדם וחי, אונז האב מיר נישט קיין מורא יעצט אז מיר וועלן שטארבן אויב מען וועט הערן די ווערטער פונעם אייבערשטען, ווייל אונז האב מיר דאך געזעהן מען קען אויסהאלטן. אז מען האט געהערט אנכי ולא יהיה, וועט מען הערן דאס איבריגע אויך. נישט דאס איז אונזער פראבלעם, אז אונז גיי מיר יעצט שטארבן. אבער אם יוספים אנחנו לשמוע את קול ה' אלקינו עוד, אויב אונז גיי מיר ווייטער הערן די איבריגע עשרת הדברות פונעם אייבערשטען, איז דאך ומתנו, וועלן מיר זיך דאך לאזן הרג'נען אויף דעם. ווי אזוי קען מען אזוי לעבן, אז אויף יעדן קלייניגקייט וועט א מענטש גרייט זיין זיך צו לאזן הרג'נען. כי מי כל בשר אשר שמע קול אלקים חיים מדבר מתוך האש כמונו ויחי, און ער זאל קענען בלייבן לעבן. קרב אתה ושמע את כל אשר יאמר ה' אלקינו, ואת תדבר אלינו, דעמאלטס ושמענו ועשינו, וועט מען האבן א בחירה. מען וועט טון וואס מען דארף צו טון, און מען וועט קענען לעבן. אויב מען וועט אלעס הערן פונעם אייבערשטען, וועט מען נישט קענען עקזיסטירן, ווייל א יוד וואלט אוועקגעגעבן פאר יעדע מצוה, וואס ער האט, און אזוי קען מען נישט לעבן.

**עס** קען זיין, אז וועגן דעם איז האיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה (במדבר יב-ג), משה רבינו איז צוגעקומען צו ענוה מכל האדם אשר על פני האדמה, מען ווייסט דען נישט אז א אדם איז על פני האדמה? נאר משה רבינו האט געהאלטן אז זיין עבודה האט נישט קיין חשיבות, ווייל אונז האב מיר טאקע נישט געהערט פונעם אייבערשטען נאר אנכי ולא יהיה, אבער משה רבינו האט דאך געהערט פונעם אייבערשטען כל התורה כולה, איז דאך פונקט ווי ביי אונז איז אריינגעגאנגען אמונה אין אונזער הארץ, אז מיר האבן מסירת נפש פאר יעדע מצוה, ווייל דאס האבן מיר געהערט פונעם אייבערשטען, איז דאך משה רבינו האט דאך אלעס געהערט פונעם אייבערשטען אליין, איז דאך ביי אים נישט געווען קיין קונץ אז ער האלט זיך צו יעדע מצוה, ער האט דאך עס געהערט פונעם באשעפער אליינס, עס איז נישט שייך אז ער זאל קענען טון אנדערש. איז ער געווען א עניו מאד, ער האט געהאלטן אז זיינע מצות ומעשים טובים האבן נישט קיין חשיבות. יעדער יוד האט א בחירה און פון דעסטוועגן דאך האלט ער זיך ערליך, אבער איך האב עס דאך געהערט פונעם אייבערשטען, עס איז דאך נישט שייך ביי מיר.

**ווען** מיר זענען געווען ביי מתן תורה, זענען מיר אלע געווען על האדמה, מיר זענען געבליבן אויף דער ערד, אבער משה עלה אל ההר, משה רבינו איז געווען אויבן. והאיש משה עניו מאד מכל האדם, אשר על פני האדמה, יעדער אדם איז דאך געווען על פני אדמה, און איך בין דאך געווען אויפן הר, איך האב מקבל געווען אלעס פונעם אייבערשטען, דאס האט אים געברענגט צו ענוה.

**אויב** אזוי, קומט דאך אויס, אז עס פעלט אונז טאקע א כח צו דינען דעם אייבערשטען, ווייל מיר האבן נישט געהערט פונעם אייבערשטען אליין. האט דער אייבערשטער קודם געזאגט אלע עשרת הדברות בדיבור אחד, מה שאי אפשר לאדם לדבר. קומט אויס, אז באמת האבן מיר געהערט אלע עשרת הדברות פונעם אייבערשטען, אונז האב מיר נאר נישט פארשטאנען די עשרת הדברות. נאכדעם האט דער אייבערשטער אנגעהויבן מסביר צו זיין, אנכי ולא יהיה, דעמאלטס האבן מיר נאר מקבל געווען די צוויי. אלע עשרת הדברות איז קודם געקומען בדיבור אחד כדי ביי א יעדן יוד זאל אריינגיין אין אים א כח אלקי, ער זאל האבן די כוחות און די גבורות צו קענען מקיים זיין אלע מצוות פונעם אייבערשטען, אבער אזוי ווי מען האט עס נישט געהערט בפרטיות, נאר אנכי ולא יהיה, איז נאר דאס געבליבן א רושם אויף שטענדיג.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אברהם נחמיה כ"ץ** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם (שמות כא-א). רש"י פרעגט, וואס איז דער אשר תשים לפניהם? משה רבינו האט געטראכט, אז ער דארף נישט מסביר זיין די ווערטער פון די תורה. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, אז עס זאל זיין כשולחן הערוך ומוכן לאכול.

**עס** קען זיין דער ענין. אין קיום התורה והמצוות איז דא פארשידענע ערליי מדרגות. פשוטע יודען פירן אפ דאס לעבן אין עניני עולם הזה, מען טוט וואס מען דארף צו האבן, מען זאל זיין מסודר, די געשעפטן זאלן זיין מסודר, די פרנסה מיט אלעם ארום און ארום וואס מען דארף צום עולם הזה. מען איז דאך א יוד אויך, עס איז דא דינים וואס ער דארף טון ווייל דער אייבערשטער האט מצווה געווען. ווען ער איז פארטיג מיט אלע זיינע ענינים, דעמאלטס נעמט ער צייט צו לערנען, ער נעמט צייט צו דאווענען, ער טוט וואס ער דארף צו טון. אבער דאס איז נאר אזוי ווי א טפל ביי אים, אין משך פון די עבודה פונעם טאג.

**א** ערליכער יוד איז אנדערש. ער ווייסט אז ער איז נישט אראפגעקומען צו הבלי עולם הזה, דער עיקר איז לערנען און דאווענען און טון מצות ומעשים טובים, און דאס איז זיין עיקר חיות. מען קען דאך אבער נישט לעבן אויף די וועלט אז מען האט נישט קיין עולם הזה, דארף מען עפעס צו טון דערצו, אבער מצות און מעשים טובים דאס איז זיין ציל. אויב מען קען נישט טון ביידע, און מען דארף בוחר זיין, עס איז דא א שעה וואס ער קען יעצט טון אדער דאס אדער דאס, וועט אלץ זיין ביי אים קודם מצות ומעשים טובים. און ווען עס איז פארקערט, קומען זאכן פון עניני עולם הזה קודם, און ווען מען האט צייט, בלייבט עס פאר קיום התורה והמצוות.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, אז די מצות ומעשים טובים וואס ער איז מצווה פאר יודען, 'ואלה המשפטים אשר תשים', זאלסט עס געבן עס זאל זיין פאר זיי, 'לפניהם', 'פאר' זייערע אנדערע ענינים. אמאל איז דא וואס מען איז מקיים תורה ומצוות, אבער עס איז לאחריהם, קודם זארגט ער פאר זיך, פאר זיין עולם הזה, און נאכדעם קומט קיום תורה ומצוות. ואלה המשפטים אשר תשים, דו זאלסט עס אראפלייגן, לפניהם, זעה אז די תורה און משפטים זאל זיין לפניהם. 'פאר' אלע זייערע אנדערע צרכים, דארף זיין די משפטים. כשולחן הערוך ומוכן לאכול, אזוי ווי פאר מענטשן איז דא א שלחן ערוך ומוכן לאכול, דאס איז די ערשטע ביי אים. ווען ער קומט אהיים, און עס איז געדעקט די טיש, לייגט ער אלעס אינדערזייט און ער זעצט זיך תיכף עסן. אזוי דארף זיין מצות און מעשים טובים. די משפטים דארף זיין פאר די אייגענע צרכים.

*

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **חיים מרדכי ביקסנשפאן** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.

*

***יום שני פרשת משפטים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אברהם נחמיה כ"ץ** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***יום שלישי פרשת משפטים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יוסף** (ב"ר **אברהם חיים**) **שטערן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

***יום רביעי פרשת משפטים***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **חיים מנשה פריינד** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** להסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה (שמות כא-א), ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם, לפניהם ולא לפני עכו"ם (רש"י שם). דער פשוטער פשט איז, אז א יוד טאר נישט גיין אין קיין ערכאות. ווען ער האט א משפט דארף מען גיין לפניהם, פאר א בית דין של ישראל, און נישט לפני אומות העולם.

**דער דעת זקנים פון בעלי תוספות** זאגט (בפרשתנו), אז צו תורה קען נישט זוכה זיין נאר א יוד, איינער וואס איז נישט א יוד, קען נישט פארשטיין קיין תורה. ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם, ולא לפני עכו"ם, פאר א גוי קען מען נישט איבערגעבן קיין תורה. און ער ברענגט צו א מעשה פון אונקלס הגר, וואס ער איז געגאנגען זיך מגייר זיין, און דער מלך האט אים שפעטער געפרעגט פארוואס ער האט זיך מגייר געווען. האט ער געזאגט, ער האט געוואלט לערנען די תורה פון יודען. האט ער אים געזאגט, דו האסט דאך געקענט לערנען די תורה, און זיך נישט מל'ן, פארוואס האסטו זיך גע'מל'ט. האט ער געזאגט, אז מען מל'ט זיך נישט, קען מען נישט פארשטיין קיין תורה, און ער האט אים געברענגט א פסוק (תהלים קמז-יט) מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל. מגיד דבריו, דער אייבערשטער זאגט די תורה, ליעקב, למי שנימול כיעקב, איינער איז גע'מל'ט אזוי ווי יעקב אבינו, דער קען זוכה זיין צו תורה. לא עשה כן לכל גוי, אנדערע גוים קענען נישט פארשטיין קיין תורה, ומשפטים בל ידעום. 'בל' איז ב' ל', עס שטייט אין **בעלי תוספות**, אז די תורה הייבט זיך אן מיט א ב', און עס ענדיגט זיך מיט א ל'. ומשפטים 'בל' ידעום, א גוי קען נישט פארשטיין די תורה וואס הייבט זיך אן פון בראשית ביז לעיני כל ישראל, נאר אז מען מל'ט זיך קודם. – און אוודאי איז אזוי, מען זעהט בחוש, אז א יודיש יונגעלע פארשטייט מער וויפיל א גוי, אפילו א קלוגער גוי. א קינד קען פארשטיין אין תורה, ווייל ער איז גע'מל'ט, האט ער אין זיך א קדושה, וואס ער קען האבן אן הבנה אין תורה.

**מען** ברענגט דעם פסוק מגיד דבריו ליעקב, למי שנימול כיעקב, צו איינער וואס איז גע'מל'ט אזוי ווי יעקב. פארוואס זאגט ער נישט למי שנימול כאברהם, כיצחק, וואס עפעס למי שנימול כיעקב? אין בעלי תוספות שטייט, כיעקב שנולד מהול, יעקב איז געווען א נולד מהול. נו, עס איז דאך נישט קיין נפקא מינה צו ער איז געווען נולד מהול צו נישט. ווער עס איז נישט קיין נולד מהול, קען אויך זוכה זיין צו תורה. וואס האט ער צוגעשטעלט למי שנימול כיעקב? ומשפטים בל ידעום אז די תורה איז א ב' מיט א ל', ער קען נישט קיין תורה וואס עס איז מיט א ב' און א ל'.

**דאס** וואס ער הייבט אן ומשפטים בל ידעום, קען זיין כפשוטו, עס שטייט אין **ויגד משה** (על תהלים), אז די תורה הייבט זיך אן מיט א ב', ב'ראשית. ב' איז די צווייטע מצוה אין די תורה, וואס איז מצות מילה. ב'ראשית, די ערשטע זאך ביי א יוד איז, מקיים צו זיין דעם ב', די צווייטע מצוה אין די תורה, מצות מילה. דער ל' וואס שטייט צום סוף, איז א לשון פון לימוד, לערנען. דאס איז די ב' מיט די ל', דאס ווייזט אז מען קען נישט זוכה זיין צו לימוד התורה נאר דורך מצות מילה. ומשפטים בל ידעום זיי קענען נישט זוכה זיין צו תורה, ווייל די תורה איז דאך א ב' מיט א ל', מען מוז אנהייבן מיט ב'ראשית, מיט מצות מילה, איז מען זוכה צו די ל' צו לימוד התורה. א גוי וואס איז נישט גע'מל'ט, קען נישט זוכה זיין צו קיין תורה.

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז. אוודאי אז מען איז גע'מל'ט, קען מען זוכה זיין צו תורה. אבער אין תורה איז דא זייער אסאך הדרגות וויפיל א מענטש קען זוכה זיין צו תורה. איינער איז זוכה נאר צו מקרא, איינער צו משנה, און איינער צו תלמוד, צו הוראה, סתרי תורה. תורה איז דאך אין חקר. דאס ווענדט זיך שוין אין קדושת המילה. וויפיל א מענטש איז זיך מקדש, ווי הייליג ער איז, ווי ווייט ער איז אפגעהיטן, אלץ מער איז ער זוכה צו תורה. איינער וואס איז נאר סתם א יוד וואס איז גע'מל'ט, איז אויך זוכה צו תורה, אבער צו א קליינע מדריגה פון תורה. זוכה זיין אמת'דיג צו תורה, איז נאר איינער וואס איז אפגעהיטן אין קדושת הברית, דער קען זוכה זיין צו תורה. און ווי העכער ער איז אין די מדריגה, איז ער אלץ מער זוכה צו תורה.

**יעקב** אבינו האט זיך אויפגעטון כחי וראשית אוני (בראשית מט-ג), מען געפינט נישט ביי אברהם און יצחק אז זיי זאלן זאגן אזא לשון. יעקב האט געזאגט אויף ראובן, כחי וראשית אוני, אז ער איז געווען בקדושה ביז ראשית אונו. מגיד דבריו ליעקב, דער אייבערשטער גיט די תורה, למי שנימול כיעקב, ווען איינער איז גע'מל'ט אזוי ווי יעקב, וואס פשט איז, נישט נאר אז עס איז געווען די חתימת הברית, נאר ער האט אנגעהאלטן די קדושת הברית אזוי ווי מען געפונט ביי יעקב, פאר דעם איז מגיד דבריו, פאר דעם גיט דער אייבערשטער איבער די תורה.

**עס** שטייט אין מדרש (אבכיר), אז ווען מען איז אדורכגעגאנגען דעם ים סוף, האט דער אייבערשטער געזאגט, אז די וואסערן זאלן מאכן פלאץ אז יודען זאלן קענען אדורכגיין. די וואסערן פון פארנט זאלן אוועקגיין, פון די זייטן, פון אונטען, זיי זאלן נישט פארשוועמען יודען. און אויף יעדע זייט האט דער אייבערשטער אויסגערעכענט א מצוה וואס יודען האבן, וואס אין דעם זכות זאל אוועקגיין די וואסער. לפניהם, האט דער אייבערשטער געזאגט, יודען האבן מצות מילה, וואס מצות מילה איז לפניהם. אין זכות פון מילה זאל אוועקגיין די וואסער וואס איז לפניהם. קומט דאך אויס, אז 'לפניהם' דאס ווייזט אויף מצות מילה, אזוי זאגט דאך דער מדרש.

**ואלה** המשפטים אשר תשים, זאגט רש"י כשלחן הערוך ומוכן לאכול. עס איז דא אמאל וואס מען לערנט, אבער מען פארשטייט נישט אלעס, און אמאל איז דא ווי א שלחן וואס איז ערוך ומוכן לאכול. 'ואלה המשפטים אשר תשים', אז מען זאל זוכה זיין אז די תורה זאל זיין כשלחן הערוך ומוכן לאכול, דאס ווענדט זיך אין 'לפניהם', דאס ווענדט זיך אין די קדושה וואס איז לפניהם. ווי מער א מענטש איז אפגעהיטן און ער היט זיך, דורכדעם איז ער מער זוכה צו תורה. און דאס האט ער געזאגט, מגיד דבריו ליעקב, למי שנימול כיעקב, ווען איינער האט די קדושת המילה וואס ער איז ממשיך אויף שפעטער אויך, דער איז זוכה צו תורה.

*

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אהרן דוד נייממאן** ע"ה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי, והשתתף אצל מסיבה לטובת התלמוד תורה, שהתקיים ביחד עם חנוכת הבית לאולם החדש בבנין התלמוד תורה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז באמת ביי מיר זייער חשוב, אטייל צו נעמען דא ביי די מסיבה, ווי אזוי מען זאל עס רופן 'הכרת הטוב' צו 'בדי הארון', פון יודען וואס האבן אוועקגעגעבן פון זייער פארמעגן כדי צוצוהעלפן פאר די תלמוד תורה, אויפצובויען דעם נייעם מקום, וואס בעזרת ה' וועט עס זיין א פלאץ פאר יודישע שמחות, און פאר די החזקה פונעם תלמוד תורה.

**אז** מען האט עס א נאמען געגעבן 'בדי הארון', האט עס א שייכות מיטן נאמען. אין די פרשה שטייט דאך אין די תורה, אז אין משכן, און שפעטער אין בית המקדש, זענען געווען די ארון מיט די בדים. און אויף די בדי הארון איז געווען א ציווי לא יסורו ממנו, מען האט קיינמאל נישט געטארט אוועקנעמען די בדים פונעם ארון, עס איז געווען געמאכט אז מען זאל קענען טראגן דעם ארון. מען וואלט געקענט אריינלייגן די בדים נאר בשעת מען טראגט דעם ארון פון איין פלאץ צום אנדערן פלאץ, האט די תורה געזאגט, ניין, די בדי הארון דארפן זיין שטענדיג אין דעם ארון, לא יסורו ממנו, מען זאל עס נישט אפטון פונעם ארון.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז דער ארון איז א רמז אויף די בני תורה, די לוחות הברית איז דאך געלעגען אינעם ארון. און די בדים דאס איז דער רמז אויף די מחזיקי התורה, די וואס טראגן די תורה. און די תורה זאגט, אז די בדי הארון, די וואס האבן נישט זוכה געווען צו זיין א חלק פון דעם ארון ממש, אז זיי זאלן זיצן באהלה של תורה, קענען האבן א חלק אין די תורה, מיט דעם וואס זיי העלפן טראגן די תורה. די בדי הארון זענען געלעגן שטענדיג אינעם ארון, אז טאמער דארף דער ארון עפעס האבן, זאל מען אים קענען טראגן פון איין מקום צום אנדערן מקום, זיי זענען דארט ארויסצוהעלפן דעם ארון. און דאס איז לא יסורו ממנו, זיי טארן זיך קיינמאל נישט אוועקרוקן פונעם ארון, נאר זיין שטענדיג גרייט, טאמער דער ארון דארף עפעס הילף, בין איך דא אז מען זאל

אים העלפן. און דאס איז די חשיבות פון די מחזיקי תורה, פון די וואס העלפן צו פאר תורה, ווי אזוי זיי זענען שטענדיג גרייט ארויסצוהעלפן צו תורה.

**עס** שטייט אין פסוק (כה-יג), אז די בדי ארון זענען געווען פון האלץ, וצפית אתם זהב, נאכדעם האט מען עס איבערגעצויגן מיט גאלד, און אזוי האט מען עס אריינגעלייגט אינעם ארון. די תורה לערנט אונז מיט דעם, אז די וואס זענען מחזיק תורה, אפילו ווען בעצם איז ער נאר א האלץ, בעצם פאר זיך אליין וואלט ער נישט געהאט קיין חשיבות, עס וואלט זיך אים נישט געקומען ער זאל פארמאגן וואס ער האט, אבער אז ער שטעלט זיך אריין צו זיין פון די וואס טראגן דעם ארון, איז וצפית אותם זהב, טוט דער אייבערשטער אים מצפה זיין, ער טוט אים ארומשמירן, און ער גיט אים זהב, כדי ער זאל קענען צוטון פאר תורה. כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני, אזוי שטייט אין די גמרא (ברכות יז:), די גאנצע וועלט וואס האט מזונות, און זיי האבן וואס זיי דארפן צו האבן, איז אלץ נאר אין זכות פון תורה. חנינא בני, כאטש פאר אים איז כדאי בקב חרובין, איז אבער כל העולם כולו ניזון בשבילו. האט די תורה געזאגט, אז די בדי הארון, וצפית אתם זהב, מיט דעם וואס זיי ליגן נעבן דעם ארון, כאטש מען דארף דאך נאר האבן האלצערנע בדים כדי צו טראגן דעם ארון, פון דעסטוועגן דאך האט דאס די תורה ארומגענומען מיט גאלד.

*

**עס** שטייט אין די גמרא (יומא נד.) און עס איז א פסוק אין נ"ך (מלכים א ח-ח), אז די בדי הארון זענען געווען לאנג, און די פרוכת איז געווען וואס האט אפגעטיילט צווישן קדשי קדשים און אינדרויסן, און די בדי הארון האבן צוגערירט צום פרוכת, אז פון אינדרויסן פונעם פרוכת האט מען געקענט דערקענען די בדי הארון וואס האבן ארויסגעשטארט, אזוי ווי שני שדים, אזוי ווי דדים האט ארויסגעשטארט די בדי הארון. יעדע זאך קומט דאך עפעס צו לערנען, פארוואס די תורה האט געהייסן אז מען זאל עס מאכן אויף דעם וועג.

**מען** ווייסט אז א מאמע וואס האט א קינד, גיט דער אייבערשטער אריין מילך פאר די מאמע, זי זאל קענען מפרנס זיין דאס קינד. די מילך האלט זיך נאר ביז ווילאנג עס איז דא א קינד וואס זייגט, אזוי לאנג גיט דער אייבערשטער די מילך. ווען דאס קינד הערט אויף צו זייגן, ווי ווייניגער ער זייגט פון די מאמע, ווי ווייניגער מילך די מוטער גיט פארן קינד, הייבט זי אן צו פארלירן די מילך. אז זי גיט פארן קינד מילך בשפע, האט די מאמע מילך בשפע. און אז די מאמע וויל שפארן די מילך, און זי וויל נאר געבן אביסל, האט זי נישט געשפארט פונעם קינד, נאר זי האט אוועקגענומען פון זיך. ווייל זי באקומט נאר אזויפיל פונעם אייבערשטען, בדרך הטבע, אז זי זאל קענען געבן דאס ווייטער. און טאמער זי איז זיך מונע און זי גיט עס נישט, פארלירט זי די מילך וואס זי האט געהאט.

**דער** רמז דערפון איז, די בדי הארון, די וואס דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן, דער באשעפער גיט זיי אז זיי האבן מער פון וויפיל זיי דארפן האבן פאר זיך. יעדער מענטש דארף דאך האבן צו לעבן, אבער עס איז דא וואס דער אייבערשטער איז זיי משפיע, אז זיי באקומען פונעם הימל מער פון וויפיל זיי דארפן האבן פאר זיך. פאר זיי האט דער אייבערשטער געגעבן דעם תפקיד, אז זיי זאלן ארויסהעלפן אנדערע, זעהן מחזיק צו זיין תורה, און געבן פאר אנדערע. דער אייבערשטער האט זיי געגעבן מער כדי זיי זאלן האבן וואס צו געבן. אזוי ווי דער אייבערשטער גיט מילך פאר די מאמע, זי זאל קענען אוועקגעבן פארן קינד.

**אז** מען וויל שפארן, און מען מיינט אז מיט דעם וואס מען וועט זיך מונע זיין, און מען וועט נישט געבן, וועט מען האבן אליינס מער. עס איז נישט אזוי! דו האסט עס נאר באקומען פאר דעם, כדי דו זאלסט עס קענען אוועקגעבן. און טאמער מען גיט עס נישט אוועק ווייטער, טוט עס דער אייבערשטער אסאך אמאל מונע זיין פונעם מענטש. האט מען גענומען די בדי ארון און עס איז געווען והאריכו הבדים, די בדים זענען געווען לאנג אז עס זאל אריינגיין אינעם פרוכת, און דער פרוכת זאל אויסקוקן אזוי ווי דדים פון א אשה וואס טוט געבן מילך פארן קינד. כדי דו זאלסט וויסן, אז די בדים פונעם ארון זענען אזוי ווי מילך וואס מען גיט פאר א קינד. וואס ווילאנג מען גיט די מילך, אזוי לאנג איז דא א שפע, און אז מען הערט אויף צו געבן די מילך, איז נישטא קיין שפע.

**דאס** איז דער זכות פון די אלע וואס זענען זיך צוזאמגעקומען ב"ה צו אזא שיינע מסיבה, וואס כולם כאחד האבן א חלק אין אהער שטעלן אזא שיינעם בנין. דאס איז א זאך וואס בלייבט איבער אויף דורות עולם, אז מען זאל קענען האבן א חלק אין החזקת התורה שטענדיג. זאל זיי דער אייבערשטער בענטשן, וצפית אתם זהב, דער אייבערשטער זאל געבן אז די בדים זאלן האבן א שפע אין אלעם וואס זיי טוען. דער עיקר איז דאך וואס א מענטש דארף זעהן נחת ביי די קינדער, מוקיר רבנן זאגט די גמרא (שבת כג:), הוה ליה בנין דרבנן, אז מען העלפט פאר תורה, צו בויען תורה, איז מען זוכה צו האבן קינדער תלמידי חכמים. זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל זעהן ערליכע יודישע דורות. און אלע וואס האבן א חלק דערין, זאל דער אייבערשטער זיי געבן ברכה און הצלחה אין אלעם וואס זיי טוען.

**איך** וויל באדאנקען פארן חשובן מנהל וואס איז אזוי געטריי דא פאר דעם מקום. ער לייגט אריין אלע כוחות כדי דער פלאץ זאל קענען זיין א מקום פון הרבצת התורה. זאל אים דער אייבערשטער בענטשן ווייטער אויך מיט הצלחה אין אלע ענינים. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום חמישי פרשת משפטים***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **בערל שטיינבערג** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סאטמאר (סקילמאן). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

כמו כן שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הרב **אלכסנדר פאנעט** שליט"א, שהתקיים בבית המדרש דעעש.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והגיע לניחום אבלים אצל בני הגה"צ **רבי חיים מאיר וואזנער** זצ"ל גאב"ד זכרון מאיר ור"י חכמי לובלין.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** ער איז געווען א אדם השלם. א איש האשכולות, תורה, חכמה, מדות טובות.

**א' האבלים:** ער האט אלע יארן געפירט דין תורות, ער האט קיינמאל נישט גענומען קיין געלט, עס איז נישט געווען אזא זאך ווי נעמען א פיאסטער. נישט קיין שכר בטלה, נישט קיין פסק געלט, נישט פאר דעם, און נישט נאכדעם.

**רבינו:** דאס גיט דעם כבוד התורה. מען פארדינט מער אסאך מאל פון דאס נישט נעמען, ווי פון יא נעמען.

**א' האבלים:** ער פלעגט אייביג זאגען, עס איז נישט דא קיין ביליגערע זאך, ווי געלט...

פון איין זייט איז ער געווען מורא'דיג ווארעם, מיט א ווארעמקייט צו יעדן קינד, אבער ווען עס איז געקומען צו כבוד שמים, מיט אזא לא תגורו מפני איש. א יונגערמאן האט דא דערציילט, אז דער טאטע איז געווען אמאל מסדר קידושין ביי א חתונה, און דער טאטע האט געפרעגט, ווער זענען די עדים. האט מען געזאגט, דער און דער. האט דער טאטע געזאגט, דער איז דאך א פסול'ער עדות, ער איז לא ציית דינא, בשום אופן נישט. איך בין נישט מסדר קידושין אויב דער איז דער עד. זאגט דער מחותן, איך האב אים שוין מכבד געווען. האט דער טאטע געזאגט, ער וועט זיין מסדר קידושין, און איך וועל זיין דער עד... ביי **רבי שלמה זלמן אויערבאך** איז אויך געווען אזא מעשה. דער מחותן האט זיך גע'עקש'נט, וואס פאר א פנים האט עס, אז דער רב איז נישט מסדר קידושין. האט ער געפרעגט, איך קען אים זאגען, אז דער רב האט געזאגט, אז דער רב איז נישט מסכים. זאגט ער, אוודאי, גייט אים זאגען אין מיין נאמען אז איך וויל נישט מסדר קידושין זיין, אויב ער איז עד. בלית ברירה האט יענער אפגעטרעטן. צומארגענס האט יענער אויסגעצאלט די דין תורה, און א וואך שפעטער האט אים דער טאטע געשריבן א בריוו, אז ער האט זייער גוט געטון, און ער איז שוין כשר לעדות.

איך בין אמאל געווען מיטן טאטען א באזוך ביים רב, און דער שמועס איז געווען וועגן די חלישות הדעת וואס א רב קען אמאל האבן, האט דער טאטע דעמאלטס געזאגט פארן רב, דאס איז אלעס ביז מען זאגט, הוא יפתח לבנו בתורתו, נאכדעם גייט שוין אלעס אוועק.

ער פלעגט אונז אלעמאל זאגען, אז אויב עס טוט וויי די אלע זאכען, איז דער פשט אז מען ליגט נישט אין לערנען. דער וואס ליגט אין לערנען, האט אנדערע דאגות.

**רבינו:** אין חז"ל געפונט מען, חלשא דעתיה. מען ברענגט נאך פונעם **סאטמארער רב ז"ל**, אז ער האט אמאל געזאגט, אז א רב דארף קענען שלינגען, און פון די נאנטע מיט א שעפ לעפל... חלישת הדעת איז נישט פון די שונאים, עס איז פון די נאנטע. זיי שטעלן זיך נישט צו ווי עס דארף צו זיין, דארט ליגט די חלישת הדעת.

**א' האבלים:** מהרסיך ומחריביך ממך יצאו (ישעיה מט-יז).

דאס התבטלות צו זיין טאטען איז געווען אין לשער. ער האט נישט עקזיסטירט בכלל. עס איז געווען ווי א תלמיד מיט א גדול בדור.

דער אופן ווי אזוי ער האט איבערגעלאזט די רבנות אין לאנדאן, עס איז ממש געווען מלך והדיוט. פון א מושל בכיפה, פון א מלך בגדוד, איז ער געווארן ממש א גבאי ביים זיידן. די גבאים האבן געוואוסט, אז ווען דער טאטע איז דא, איז נישט דא אזא זאך אנטון די מאנטל. די טאטע איז דא דאס צו טון. מען האט אים געוואלט צושטעלן א שטענדער אין די זייט, האט ער נישט געלאזט בשום אופן. כאילו ער עקזיסטירט נישט.

**רבינו:** וויפיל יאר איז ער געווען אין לאנדאן.

**א' האבלים:** אכצן יאר. דאס זענען געווען זיינע שטערקסטע יארן. ווייל אין ארץ ישראל האט ער נישט עקזיסטירט. ווען מען איז אים געקומען רופן א משלחת (שיבוא להתיישב בארה"ק ולעמוד לימין אביו **הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל**), האט מען אים גערופן דאנערשטאג, און פרייטאג איז ער שוין געווען אויפן עראפלאן. עס איז געווען דער איינציגסטער פרייטאג וואס ער איז געפארן מיט א עראפלאן. אלץ כיבוד אב. דער זיידע האט דעמאלטס געזאגט, אז ער פילט ער קען שוין נישט אזוי ממשיך זיין. שפעטער איז ער צוריקגעפארן זיך פאקען, און זיך געזעגענען.

**רבינו:** אז מען האט אזא טאטען, איז נישט א חידוש אזא קינד. מען האט זיך פון וואו צו לערנען.

דער זיידע פלעגט מיר כמה פעמים צו זאגען, איר זענט דאך געווארן א רב אין א אשכנז'ישער קהלה, קיינער פארשטייט אייך נישט, נאר איך. טאמער איר האט עפעס, רופטס מיך, און איך וועל אייך שטיין צו הילף.

**א' האבלים:** דער רב האט געהאט א ספעציעלע חביבות ביים זיידן, עס איז דא די תשובה (**שו"ת שבט הלוי** ח"ט סימן קמ"א).

עפעס האט ער געזאגט פארן רב, אז ווען מען קומט אין א געוויסע יארגאנג, איז שוין נישט דא קיין דאגות, דאס איז די שענסטע יארן.

**רבינו:** ער האט מיר געזאגט, אז נאך די זעכציג יאר, איז די שענסטע יארן פון א תלמיד חכם. מען האט שוין נישט די עבר פון די יוגענט, די קאפ ליגט אין תורה, מען איז אויסגעבויט, און מען קען לערנען און דינען דעם אייבערשטען. די יארן זענען די שענסטע יארן.

**א' האבלים:** ווען ער האט ארויסגעגעבן די ערשטע באנד **שבט הלוי**, איז ער געווען ביי די זעכציג.

**רבינו:** דאס האט ער געזאגט, ווען ער איז געווען ביי די ניינציג... - ער האט מיר געפרעגט ווי אלט איך בין, האב איך אים געזאגט. אויף דעם ארויף האט ער מיר געזאגט, אז עס איז די שענסטע יארן.

**א' האבלים:** זקני תלמידי חכמים כל זמן שמזקינין דעתן מתוספות (קנים ג-ו).

**רבינו:** וויפיל ברודערס זענט עטץ?

**א' האבלים:** אכט ברודערס, דרייצן קינדער. דער טאטע פלעגט זאגן, אז ער האט ארויסגעגעבן דרייצן בענדער. ער האט נאכגעזאגט, אז דער **בית ישראל** פלעגט זאגען, ווען א יוד איז אריינגעקומען צו אים מיט א ספר וואס ער האט מחבר געווען, פלעגט אים דער בית ישראל זאגען, זה ספר? תולדות אדם (בראשית ה-א).

**רבינו:** ער אליין (**הבית ישראל מגור זצ"ל**) האט נישט געהאט קיין קינדער. עס האט מיר פארציילט א יוד, אז ער איז געווען ביים בית ישראל צוואנציג יאר נאך די חתונה, און ער האט נישט געהאט קיין קינדער. האט ער זיך מייעץ געווען מיטן בית ישראל, צו ער זאל זיך גט'ן צו נישט. האט אים דער בית ישראל געזאגט, אוודאי. זאגט ער אים, איך זעה דאך אז דער רבי האט נישט אזוי געטון. האט ער אים געזאגט, וויל איך האב געטון א נארישקייט, דארפסטו נאכטון... – דער יוד האט זיך גע'גט, און ער האט אויפגעשטעלט נאכדעם א שיינע שטוב, קינדער און אייניקלעך.

**א' האבלים:** עס איז א פלא ווי אזוי דער טאטע איז אויסגעשטיגען, ער האט ערשט ביי די ניין יאר געלערנט א' ב'. ער איז ניין יאר געווען אוועק פון זיין טאטען. ער האט דאך מיטגעמאכט די קריג.

**רבינו:** דער זיידע האט געוואוסט א גאנצע צייט וואו ער איז?

**א' האבלים:** א יאר און א האלב האט ער נישט געוואוסט, ער האט שוין געוואלט זאגען קדיש. עס

זענען נישט געבליבן קיין קינדער. אין פרעשבורג איז געווען א תלמוד תורה פון צוויי דריי הונדערט קינדער, און דער טאטע האט געזאגט, אז נאך די קריג זענען געבליבן פיר פינף קינדער פון די גאנצע תלמוד תורה.

דער זיידע פלעגט לערנען בחברותא מיט **הרב דושינסקי**, און ער האט געזאגט פאר הרב דושינסקי אז ער מיינט אז ער זאל שוין זאגען קדיש. האט אים הרב דושינסקי געזאגט, זארג דיך נישט, דו וועסט אים נאך זעהן.

**רבינו:** די השגחה עליונה האט אפגעהיטן יעדן וואס מען האט געדארפט.

**א' האבלים:** ער האט געהאט א ברכה פונעם **בעלזער רב** אין פעסט, אז ער וועט נאך זעהן די עלטערן.

**רבינו:** וועלכע יאר איז ער געבוירן.

**א' האבלים:** תרצ"ח. און דער זיידע איז ארויף קיין ארץ ישראל תרצ"ט, ווען ער איז אלט געווען פינף חדשים.

**וניחמם רבינו:** המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבילי ציון וירושלים, מען זאל אפגעהיטן ווערן פון צער, און ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע.

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מעמד 'כבוד התורה' לתלמידי הישיבה גדולה (סיום מסכת כתובות שנלמדה בישיבתנו הק' בשנה שעברה, וסיום מסכת ביצה שנלמדה במסגרת חבורת 'ובהם נהגה'), שהתקיים באולם שע"י בית מדרשנו ברכת אברהם, בהשתתפות הורי התלמידים שיחי'.

הרה"ג רבי **אלימלך שפיטצער** שליט"א (מנהל הישיבה) פתח את המסיבה, ודיבר במעלת תלמידי ישיבתנו הק', ובגודל התמדתם בתורה וביראת שמים. אחר כך נתכבד הבחור **שמואל הערשקא** הי"ו לסיים מסכת ביצה, והבחור **יהודא אריה בלומענפעלד** הי"ו להתחיל מסכת מועד קטן. אחר ריקודין לכבודה של תורה נשמעו דברים מאת **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק'), ומאת הרב **אברהם פנחס בערקאוויטש** הי"ו (פטרון המתנות לתלמידי הישיבה). בסיום המעמד השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו, וחילק הפרסים לתלמידי הישיבה שעמדו למבחן על מסכת כתובות.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**נתתי שמחה בלבי, עס איז ביי מיר א געוואלדיגע שמחה, אטייל צו נעמען ביי די מסיבה היינט מיט די בחורים צוזאמען. מען זיצט א גאנץ יאר אינאיינעם אין ישיבה און מען לערנט, און ב"ה מען זעהט די פירות, מען פלאגט זיך נישט אומזיסט, בחורים האבן זיך פארהערט איין מסכתא, נאך א מסכתא. מען זאל נאר צוקוקען ווי אזוי מען זיצט ביים טיש אליין, מען זיצט שוין דא באלד צוויי שעה, מיט אזא ערנסטקייט, מיט אזא דרך ארץ, עס איז באמת צום באוואונדערן. דער אייבערשטער וועט העלפן ווייטער, מען זאל עס אויסנוצן צו שטייגן נאך מער.**

**מען** האט פריער געהערט ר' אברהם פנחס זאל זיין געזונט האט נאכגעזאגט א **כלי יקר**, וואס ער שטעלט זיך, אז די פרשה פון ואלה המשפטים הייבט זיך אן מיט א מעשה פון כי תקנה עבד עברי, אז מען קויפט א עבד, שש שנים יעבוד און אזוי ווייטער. די הלכה פון אן עבד עברי, איז די ערשטע פרשה וואס עס איז וויכטיג צו קענען נאך מתן תורה? עס איז דאך נישט אנגעגאנגען בשעת מען איז געווען אינעם מדבר. פארוואס איז די תורה מאריך מיט די פרשה. און די פרשה פאר זיך איז א וואונדערליכע פרשה. א מענטש האט גע'גנב'עט, און ער האט נישט צו באצאלן, זאגט די תורה מען זאל אים פארקויפן פאר אן עבד אויף זעקס יאר. אמאל איז דא וואס ער איז א מוכר עצמו, ער האט נישט קיין פרנסה, און ער דארף מפרנס זיין, זיך מיט די בני בית, נעמט ער א דזשא"ב, ער פארקויפט זיך פאר זעקס יאר פאר א עבד, דער בעל הבית צאלט אים, און ער האט פאר זיין שטוב וואס ער דארף צו האבן.

**צו** זיין א עבד, פארשטייט יעדער איינער, אז מען לעקט נישט קיין האניג. אן עבד איז דער טייטש, דו פארלירסט אלע פרייהייט וואס דו האסט געהאט ביז יעצט, דו קענסט נישט גיין וואו דו ווילסט, טאג און נאכט ביסטו משועבד פאר איין מענטש, וואס אים וועט איינפאלן וועסטו מוזן טון. און אז ער וועט משוגע ווערן, וועסטו מוזן נעמען אלע זיינע שגיונות און אזוי ווייטער. אלעס געבסטו אוועק פאר דעם מענטש. וואס טוט נישט א מענטש פאר פרנסה, טוט ער דאס אויך.

**די** תורה פארציילט אבער די צווייטע העלפט, עס גייט אדורך א שטיק צייט, און דער בעל הבית זאגט אים, געענדיגט די זעקס יאר, דו קענסט אהיימגיין. זאגט ער, אהבתי את אדוני את אשתי ואת בני לא

אצא חפשי, ניין איך וויל דא בלייבן. איך האב ליב מיין אדון, איך האב ליב די שפחה וואס מען האט מיר געגעבן, איך האב ליב מיינע קינדער, און ער גייט נישט אוועק. זאגט די תורה דערויף, והגישו אל הדלת או אל המזוזה, ורצע אדוניו את אזנו במרצע.

**דער** מענטש איז נארמאל? ער קען אוועקגיין פרייערהייט, קיינער צווינגט אים שוין נישט צו בלייבן. און ער זאגט ניין, איך גיי דא בלייבן ביי דיר אן עבד, איך געב אויף מיין פרייהייט אינגאנצן, איך גיי דא בלייבן נאך א יאר און נאך א יאר, ועבדו לעולם, ביז יובל, אסאך מאל מיינט עס דרייסיג און פערציג יאר גיי איך בלייבן אן עבד! די גרויסע גליקן? אהבתי את אדוני, איך האב ליב דעם אדון, וועגן דעם בלייבט ער דארט. ער האט ליב זיין ווייב מיט די קינדער, וואס פארא ווייב האט ער? א שפחה כנענית, א האלבע גוי'טע. אהבתי את בני, עס איז דיינע קינדער? די קינדער זענען עבדים, די קינדער זענען נישט דיינס, עס געהער פארן בעל הבית. ווען דער בעל הבית דערמאנט זיך, און ער וויל זיי פארקויפן פאר א צווייטן, כאפט ער אן דיין קינד, און פארקויפט אים פאר א פאר דאלער פאר א שחור. ער קען טון וואס ער וויל, עס איז נישט דיינס. ווי קען פארקומען אזא פרשה פון אהבתי את אדוני את אשתי ואת בני, און ער זאגט לא אצא חפשי.

**און** אז די תורה פארציילט עס, די תורה פארציילט נישט קיין לעגענדעס, צו פארציילן סתם א מעשה וואס וועט קיינמאל נישט פאסירן, איז טייטש אז עס איז דא אזא מציאות, אז א מענטש געוואוינט זיך אסאך מאל, צו לעבן א לעבן וואס איז אן שכל. ער האט זיך צוגעוואוינט, איך בין שוין דא, איך בלייב דא, איך וועל זיך אזוי ווייטער פירן. ער פארגעסט אז ער איז א יוד וואס ער דארף אויפטון אויף די וועלט, זיצן אין בית המדרש און לערנען, האבן דיינע שעות צו לערנען. דו האסט גארנישט! ער בלייבט איבער א עבד ביי יענעם, און ער גיט אוועק יעדע מינוט, עס איז נישט דא קיין צייט 'יעצט האב איך א שיעור איך דארף יעצט לערנען', 'יעצט דארף איך גיין דאווענען'. ווען דער אדון וועט זיך דערמאנען און זאגען, גיי ערלעדיג מיר דאס, פאר דארט, גיי דארט, איז ער עס מחויב צו טון.

**אבער** דאס איז דער מענטש. אסאך מאל פארלירט ער זיין שכל, און פון א געוויסע געוואוינהייט וואס ער האט זיך צוגעוואוינט, וויל ער בלייבן ביי דעם. דא זעהט מען עס, די תורה זאגט, כי לי בני ישראל עבדים, מען דארף זיין אן עבד, אבער א עבד פאר וועמען? פאר וועמען דארפסט זיך אוועקגעבן? אן עבד פארן אייבערשטען! טון וואס דער רצון ה' איז. אפילו עס שמעקט דיר נישט, אפילו עס איז דיר שווער צו טון, פון דעסטוועגן דאך טו איך עס! ווען דו ביסט א עבד ביי א צווייטן אדון, פארשטייסטו אז דו דארפסט אלעס טון וואס דער אדון וועט דיר הייסן, פארוואס פארשטייסטו נישט אז דו ביסט אן עבד פונעם אייבערשטען?! און דו דארפסט טון פארן אייבערשטען אלעס וואס א עבד טוט פאר זיין אדון. זאגט די תורה, אוזן זו ששמעה, די אויער וואס האט געהערט, כי לי בני ישראל עבדים, און פון דעסטוועגן דאך גייט ער און ער פארקויפט זיך פאר א עבד, תרצה.

**וואו** נעמט מען דעם עבד, און מען טוט אים רוצע זיין, והגישו אדניו אל הדלת או אל המזוזה, גיי צו די מזוזה. וואס שטייט אין די מזוזה? ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך (דברים ו-ה), ווען א יוד גייט אדורך ביי די טיר, גיט ער א קוש פאר די מזוזה, ווייל די מזוזה ברענגט ארויס וואס איך האב צו טון אינעם לעבן. איך דארף ליב האבן דעם אייבערשטען מיט מיין גאנצן הארץ, מיט מיין גאנצע נשמה, אלעס אוועקגעבן פאר איין באשעפער, כי לי בני ישראל עבדים. און דער עבד גייט און ער זאגט, אהבתי את אדוני את אשתי ואת בני לא אצא חפשי, ער וויל נישט זיין פריי, ער וויל נישט זיין פאר זיך. ווי שווער איז פאר א בחור צו נעמען די פרעשער פון איין טאג, פארוואס מען שטייט מיר אויפן קאפ, פארוואס מען האט מיר געהייסן דאס, און פארוואס מען הייסט מיר יענץ. און דער מענטש גייט, און ער נעמט אויף זיך עבדות, נישט פון א וואך, און נישט פון א טאג, און נישט פון א יאר, און נישט ווען מען בעהט עס אים לטובתו, פון דעסטוועגן דאך איז ער גרייט אלעס אוועקצוגעבן.

**זאגט** די תורה הק', פאר אים ביסטו א עבד? פאר אים זאגסטו אהבתי את אדוני את אשתי ואת בני לא אצא חפשי? פארוואס זאגסטו עס נישט פארן אייבערשטען?! דו האסט דאך א מזוזה, ואהבת את

ה׳ אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך, א יוד דארף ליב האבן און אלעס אוועקגעבן פארן אייבערשטען. יא איך בין א עבד! איך בין נישט פריי! פריי איז ווי מען האט פריער געהערט, אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה (אבות ו-ב), דאס איז די ריכטיגער בן חורין. א יוד וואס איז עוסק בתורה, דער איז א בן חורין. א יוד וואס איז נישט עוסק בתורה, און ער איז איבערגעגעבן אין די הענט פון זיין יצר, ער איז נישט קיין בעל הבית אויף זיך, וואס דער יצר הייסט אים טון, טוט ער. און וואס ער ווערט נתעורר צו טון א תאוה, גייט ער נאך דערנאך, דער איז אזוי ווי דער עבד נרצע, וואס זאגט אהבתי את אדוני את אשתי ואת בני. איך ווייס טאקע אז עס איז נישט גוט, און איך ווייס אז מען דארף נישט אזוי טון, לא אצא חפשי, איך בין שוין צוגעוואוינט אזוי, און איך קען נישט ארויסגיין פריי.

**זאגט** די תורה הק׳, נעם דעם עבד, לייג אים צו דער אויער וואס איז געשטאנען ביים בארג סיני, און עס האט געהערט כי לי בני ישראל עבדים, דער עבד גייט יעצט זאגן איך ווארף אוועק דעם כי לי בני ישראל עבדים, איך ווארף אוועק דעם אדון וואס מען האט מיר געגעבן אויפן בארג סיני, איך גיי יעצט נעמען אויף מיר א אדון א בשר ודם. זאגט די תורה הק׳, נעם אים אל הדלת ואל המזוזה, דו דארפסט נישט זיין קיין עבד פאר עולם הזה, דו דארפסט נישט זיין קיין עבד פאר דיין יצר הרע. דו האסט איין בעל הבית אויף דיר, ער איז דיין אדון, און זיין עבד דארפסטו זיין.

**ווי** גליקליך זענען בחורים וואס זענען זוכה צו זיצן באהלה של תורה, מען גיט זיך אוועק פארן אייבערשטען. און ביי אונז איז כי לי בני ישראל עבדים, יא מיר זענען עבדים פארן אייבערשטען, מיר טוען וואס דער אייבערשטער פארלאנגט פון אונז, אונז ווער מיר אזוי ערצויגן, אז מיר זענען גארנישט, מיר זענען זיך אינגאנצן מבטל פארן רבונו של עולם! דאס איז דער כי לי בני ישראל עבדים, וואס מען זיצט און מען לערנט און מען הארעוועט אויף תורה, און מען פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין. דאס איז דער עבד, וואס דער אייבערשטער פארלאנגט פון אונז, ישראל אשר בך אתפאר.

*

**מיר** האלטן דאך ביי אחד באדר משמיעין על השקלים (שקלים ב.), מען איז אריינגעגאנגען יעצט אין חודש אדר, וואס מען האט אנגעהויבן משמיע צו זיין אויף שקלים און כלאים, אויסצורופען אז מען דארף ברענגען די שקלים פארן בית המקדש, כדי מקריב צו זיין די קרבנות פון חודש ניסן און ווייטער. עס שטייט אין **אלשי״ך הק׳**, מען ברענגט דאך א מחצית השקל, א האלבן שקל. דער מחצית ווייזט, אז א יוד דארף האבן א חברותא מיט א צווייטן, מען זאל זיך מחבר זיין איינער מיטן אנדערן. יעדער יוד דארף שפירן אז ער איז נאר א האלב, און צוזאמען מיטן חבר איז ער גאנץ. וואס איז דער פשט דערפון, עס איז נישט נאר אזא מימרא אזא געדאנק, אז ער איז נאר א האלב און נישט גאנץ.

**דער** פשט דערפון איז. קיינער האט נישט קיין שלימות, אפילו דער געלונג׳סטער מענטש, האט אויך נישט אלעס. אין יעדן מענטש וועט מען טרעפן א געוויסע שלימות וואס יענער האט, וואס איך האב נישט. איך קען זיך לערנען פון מיין חבר, און מיין חבר קען זיך לערנען פון מיר. עס איז דא זאכן וואס איך בין מער פון מיין חבר, און עס איז דא זאכן וואס דער חבר איז מער פון מיר. אונז צוזאמען, ווען מען איז זיך מחבר צוזאמען מיטן צווייטן, מיט א גוטע חברותא׳שאפט איינער מיטן אנדערן, לערנט זיך איינער פונעם צווייטן, און אזוי ווערן זיי צוזאמען א דבר שלם.

**דאס** איז באחד באדר משמיעין על השקלים. די גמרא (מגילה יג:) זאגט דאך, אז עתיד המן לשקול שקלים על ישראל, לפיכך הקדים הקב״ה שקליהם לשקליו. די וועג ווי אזוי מען איז בייגעקומען המן, איז דאך געווען וואס אסתר האט געזאגט, לך כנוס את כל היהודים, נעם זיי צוזאם, דער כנוס את כל היהודים, דאס איז געווען וואס האט געקענט ביישטיין אקעגן די גזירה פון המן. און דאס איז די שקלים, וואס באחד באדר משמיעין על השקלים, הקדים הקב״ה שקליהם לשקליו, דער אייבערשטער האט מקדים געווען אז אונז זאל מיר זיך מחבר זיין איינער מיטן צווייטן.

**איך וויל דאס ארויסברענגען, אז איך טו באוואונדערן דער אהבה ואחוה וריעות וואס איז דא צווישן די בחורים. מען זיצט דאך א גאנצן טאג צוזאמען, צופרי,**

**ביינאכט, מען שלאפט אינאיינעם, מען שטייט אויף אינאיינעם, מען עסט צוזאמען. און פון דעסטוועגן דאך איז נישט דא קיין שום מחלוקת ביי אונז, עס איז נישט דא קיין שום פארטייען, עס איז נישט דא וואס איינער זאל רודפ'ן א צווייטן. עס איז דא אזא ליבשאפט צווישן איינעם און דעם צווייטן. איך וויל עס ארויסצוברענגען פאר די בחורים, זיי זאלן וויסן ווי שטארק מען איז מחשיב די שיינע מידות מיט וואס מען ווערט נתחנך.**

**מען** האט מסיים געווען די מסכתות, עס איז טאקע אחד באדר, פון איין זייט איז עס מרבין בשמחה, אז מען גייט שוין באלד אוועק פון ישיבה, און עס איז סוף זמן. אבער עס איז נישט ביי אונז בחורים אזוי, ביי אונז איז דער מרבין בשמחה, פקודי ה' ישרים משמחי לב, מען האט אלע יארן געוואוסט ביי אונז אין ישיבה, אז ערב ראש חודש ניסן האט נישט אויסגעקוקט אנדערש ווי ערב ראש חודש שבט, אין אלע זמנים איז מען געזעסן און מען האט געלערנט אין בית המדרש. דער אייבערשטער זאל געבן, מען זאל עס קענען ווייטער ממשיך זיין.

**איך** וויל עקסטער באדאנקען פאר ר' אברהם פנחס זאל זיין געזונט, וואס יעדער ווייסט וואס ער טוט אלץ אויף פאר תורה. אלע ספרי קודש אין אלע בתי מדרשים, וואס פאר א גרויסן חלק ער האט דערין. יעדן מחבר פון א ספר שטייט ער צו הילף, כדי ער זאל קענען ארויסגעבן זיינע חידושים, אשרי חלקו. מען ווייסט נאר זיין צדקה, מען ווייסט אבער נישט אז ער האט צוויי קינדער וואס האבן ישיבות, וואס זענען ראשי ישיבות אין לעיקוואוד, און ער איז א גרויסע תומך און א גרויסער מחזיק פאר זיי. ועל כולם, אין הארץ איז ער א וויענ'ער תלמיד, דאס קען מען נישט אוועקנעמען פון אים. דא האט ער געהאט זיין חינוך, און דא האט ער זיך אויסגעלערנט נישט נאר צו האבן אהבת תורה, נאר איך זעה אז ער רעדט אזוי ווי דער פריער'דיגער רב ז"ל האט גערעדט, אפילו דאס האט ער זיך אויך אויסגעלערנט. זאל אים דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, ער זאל קענען ווייטער טון להגדיל תורה ולהאדירה.

**איך** וויל באדאנקען פאר די גאנצע צוות הישיבה, יעדער לייגט אריין אויסערגעווענליכע כוחות אין די בחורים, כדי מען זאל קענען שטייגן. איך בין באמת מכיר טובה דערויף, עס איז נישט ווי מען טוט א ארבעט, מען טוט א דזשאב, נאר עס איז מיטן גאנצן הארץ אוועקגעגעבן זיך יעדער איינער פון די מגידי שיעור וואס עס פעלט אויס פאר די טובה פון די בחורים. - איך וויל ווינטשן פאר די בחורים, דער אייבערשטער זאל ענק געבן ווייטער אויך, מען זאל שטייגן אין תורה און יראת שמים. און ווי מען האט פריער געהערט, אויסנוצן די צייט, גירסא דינקותא, עס איז נישט דא נאך אזעלכע שיינע יארן וואס מען האט, ווי די יונגע יארן. און וואס מען האט יעצט פארפאסט, דאס איז א פסידא דלא הדרא, מען קען עס קיינמאל נישט צוריק באקומען. מען איז יונג יעצט, מען איז ביי די כוחות, מען האט נישט קיין שום דאגות, אריינוואַרפן זיך אין תורה, לערנען איין מסכתא נאך די אנדערע מסכתא, אויסנוצן יעדע מינוט וואס מען האט, פאר תורה און עבודת ה', ווערט מען אויסוואקסן תלמידי חכמים, אזוי ווי מען האט פריער געהערט, האבן א סיפוק אין דעם לעבן, מיט א שמחה אין דעם לעבן, עס איז דאך מרבין בשמחה. דער אייבערשטער זאל געבן, מען זאל קענען זעהן און הערן שטענדיג בשורות טובות.

**עס** זיצן דא עלטערן פון די בחורים, אשרי חלקיכם אז מען האט קינדער וואס זיצן און לערנען פלייסיג, און זיי זענען צוגעקומען דערצו אז זיי באקומען זייערע פרסים. דער באשעפער זאל געבן ווייטער אויך, עטץ זאלטס זעהן אסאך נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. און מיר אלע אינאיינעם זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר המסיבה מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודה.

*

***שבת קודש פרשת משפטים***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהגה"ק רבי לייב שרה'ס זצ"ל** (לרגל היומא דהילולא ביום ד' אדר), ומאת **הרה"ק רבי אייזיק מקאלוב זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ז' אדר). ברכת המזון נתכבד חדב"ן הרה"ג רבי **יואל הלברשטאם** שליט"א.

בסעודה שלישית נתכבד הרה"ח רבי **נפתלי לעבאוויטש** שליט"א בברכת המזון.

במוצאי שבת הגיע **רבינו שליט"א** להשתתף אצל סיום מסכת ביצה שנלמדה במסגרת חבורת **'ובהם נהגה'**, שהתקיים בבית מדרשנו בוומסב"ג, במעמד מאות בני החבורה לומדים ונבחנים מידי חודש בחודשו. הר"ר **יהושע שטערן** הי"ו (יו"ר חבורת 'ובהם נהגה') פתח את המעמד. אחר כך נשמעו דברים בנעימים מאת **הרה"ג רבי אהרן זילבערשטיין שליט"א** דומ"ץ צעהלים, שהלהיב את קהל הנאספים בגודל מעלת לימוד התורה בקביעות דבר יום ביומו. 'דבר החבורה' נשמע מאת הר"ר **אברהם מאיר זיידענפעלד** הי"ו, שביטא בדבריו גודל ההשפעה שמשאיר לימוד התורה בחבורה ובבחינות על לומדיה וביתם בחינוך הבנים. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

הרב **יהודה באדאנסקי** הי"ו סיים את המסכתא ואמר ההדרן. אחר ריקודין של שמחה לכבודה של תורה למשך זמן נתכבד הר"ר **אשר יואל פאללאק** הי"ו בהתחלת מסכת מועד קטן. **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** נתכבד בברכת המזון.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז באמת א שמחה פאר אונז אלע, צו זיצן אינאײנעם ביי א סיום מסכתא, וואס מען האט געלערנט אינאײנעם ברוב עם. מען האט פריער געהערט, מען האט ארויסגעברענגט די חשיבות פון לימוד התורה, וואס מען דארף עס נישט פארשטעלן פאר דעם עולם. ווען מען וואלט נישט פארשטאנען די חשיבות דערפון, וואלט מען נישט געווען קיין חלק פון 'ובהם נהגה'. מען האט ארויסגעברענגט די חשיבות פון בחינות וואס מען פארהערט זיך, ווי אזוי דאס טוישט שפעטער דעם לעבן פונעם מענטש.

**איך** וויל נאר צוגעבן א נקודה. עס שטייט די וואך אין די פרשה (שמות כא-א), ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם. רש"י ברענגט צו, משה רבינו האט געזאגט, אפשר זאל איך מיך נישט מטריח זיין מסביר צו זיין די טעמים פון די מצות. און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, געב עס פאר זיי אזוי ווי א שלחן וואס איז ערוך ומוכן לאכול, א טיש וואס איז צוגעגרייט צו די סעודה, אזוי זאלסטו פאר זיי פארלייגן די תורה וואס דו לערנסט מיט זיי.

**איך** האב אמאל געהערט פון מיין פעטער דער **קטמונ'ער רב ז"ל**, האט ער געזאגט, אז עס שטייט אין פסוק (קהלת ח-א) חכמת אדם תאיר פניו, לערנען תורה טוט באלייכטן דעם פנים פונעם מענטש. און דער מדרש (שם) ברענגט צו א מעשה, אז רבי יהודה בר אילעא האט אים דעם פנים געלאכטן, ער האט געהאט א אור אויפן פנים. און א גוי האט אים געזעהן, און ער האט געזעהן דעם אור וואס קומט ארויס פונעם פנים פון רבי יהודה בר אילעא האט ער פארשטאנען, אז ער מוז זיין א גוטער ביזנעסמאן וואס פארדינט אסאך געלט, אז נישט האט ער נישט אזא ליכטיג פנים. האט ער אים געפרעגט, וואס איז דיין פרנסה. אפשר ביסטו מגדל חזירים [עס איז געווען אמאל א גוטע ביזנעס, וואס פון דעם האט מען פארדינט], אפשר לייסטו געלט אויף ריבית [מען דארף זיך נישט פלאגן מיט די ארבעט, דו געבסט ארויס די געלט, און דו באקומסט דיינע מארגידזשעס]. האט ער געזאגט, תפח רוחו פון דעם וואס האט אים געפרעגט. ביי אונז איז אסור מגדל זיין חזירים, ביי אונז איז אסור צו נעמען ריבית. דאס פנים לייכט מיר, די תורה וואס איך לערן, דאס טוט מיר באלייכטן דעם פנים. חכמת אדם תאיר פניו, די חכמה פונעם מענטש באלייכט דעם פנים. - דאס מיינט, אז תורה וואס א יוד לערנט, ארבעט איבער דעם מענטש. עס איז נישט נאר ווי יעדע חכמה וואס א מענטש לערנט, אז עס איז צוגעקומען א קלוגשאפט, אבער עס האט נישט פערזענליך צו טון מיט אים. תורה וואס א יוד לערנט, די חכמת התורה, טוט איבערנעמען דעם מענטש אזוי ווייט, אז מען דערקענט אויף די צורה פון דעם וואס לערנט תורה, אז ער איז א בן תורה.

**האט** דער פעטער ז"ל דעמאלטס געזאגט, אז ווען מען קוקט אויף בילדער פון פריער'דיגע גדולי ישראל, זעהט מען אזעלכע צורות וואס אונז זעה מיר נישט היינט! ממש די שכינה רוהט אויף זיי! מען רעדט פון בילדער, וואס איז נישט דער מענטש אליין, אבער מען דערקענט אויף די צורה, די קדושה וואס ליגט אויף זייער פנים. מען זאגט נאך אויף **רבי יהודה אסאד**, דער **סערדאהעלער רב זצ"ל**, איין בילד איז דא פון רבי יהודא אסאד, און מען זאגט אז די בילד האט מען גענומען לאחר פטירתו. עס זענען געבליבן אייניקלעך וואס האבן נישט געהאט קיין פרנסה, האט איינער גענומען רבי יהודה אסאד, און

ער האט אים אויפגעזעצט אויפן בענקל ווען ער איז אוועק, און גענומען פון אים א בילד מיט א גמרא אין די האנט, ער איז שוין נישט קיין לעבעדיגער מענטש אויף דעם בילד [מען זאגט, אז דער וואס האט עס געטון, האט נישט מוציא שנתו געווען], אבער על כל פנים, ווען מען קוקט אויף די צורה, זעהט מען תוארו כמלאך אלקים.

**מען** פארציילט, אז ביי די טיילונג, איז ער געווען צווישן די וואס זענען געגאנגען רעדן ביים מלך, מבטל צו זיין די גזירות וואס עס איז געווען. און דארט איז געווען פיל מיט שפיגלען, ווי דער סדר איז ביי א מלך אין שטוב. און ער האט נישט געוואוסט וואס דאס איז, ער האט קיינמאל נישט געקוקט אין קיין שפיגל, און ער האט נישט געוואוסט ווי אזוי ער זעהט אויס. ווען ער איז ארויסגעגאנגען זאגט ער, אז ער איז זיכער אז מען האט מצליח געווען דא, ווייל ער האט געזעהן איינער וואס האט אויסגעקוקט אזוי ווי א מלאך, האט זיך ארומגעדרייט דארט אין שטוב. און אז עס קומען מלאכים דארטן, זאגט ער, איז זיכער אז ער האט מצליח געווען. - ער האט נישט פארשטאנען אז דאס איז געווען זיין אייגענע צורה וואס ער האט געזעהן.

**איך** האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז אמאל איז דער **קאסוב'ער רבי** געקומען אויף שאמלויא, נאך געלט, צו פאר א צווייטע סיבה. און מען האט איינגעמאלדן פארן **שאמלויא'ער רב**, אז דער קאסובער רבי קומט אריבער אויף א באזוך. דער **בראשוב'ער רב**, רבי דוד שפרבער, איז געווען פון די גרעסטע גדולים אין רומעניע, און ער איז געווען א חסיד פונעם קאסובער רבי, און ווען דער קאסובער רבי פלעג פארן אויף נסיעות, פלעגט ער אים צו באגלייטן. ווען זיי זענען געקומען באזוכן דעם שאמלויא'ער רב, איז דער קאסוב'ער רבי געגאנגען צוזאמען מיט דעם בראשוב'ער רב, און דער שאמלויא'ער רב איז ארויסגעקומען פון שטוב אויפן גאניג, כדי מקבל פנים זיין.

**האט** דער בראשוב'ער רב געזאגט, אז איך האב געזאגט פאר מיין רבי, דער קאסובער רבי, אז ווען מען קוקט אן די צורה פונעם שאמלויא'ער רב, זעהט מען ווי אזוי דער חומר איז נשתנה געווארן לצורה! מען האט דערקענט אז עס איז נישט קיין חומר'יגע צורה. האט אים זיין רבי דער קאסובער רבי געזאגט, א פלא, די זעלבע זאך טראכט איך אויך יעצט. זיי האבןביידע מכוון געווען די זעלבע רגע. דאס איז א בן תורה. מען האט געלערנט תורה ערליך, מען האט געלערנט תורה איידל, האט די תורה אויסגע'איידלט דעם מענטש.

**האט** דער פעטער געזאגט, היינט ווען מען קוקט אן ווי אזוי די ראשי ישיבות קוקן אויס. מען מאכט א פיקטשער פון זיי, איז עס גארנישט דומה וואס מען זעהט פון היינטיגע ראשי ישיבה צו וואס עס האט אמאל אויסגעקוקט. עפעס פעלט פון די חיות פון די תורה. - און דאס רעדט מען שוין ביי בני תורה, און כל שכן ווען מען רעדט פון פשוטע מענטשן. - דאס חשיבות פון תורה איז, וואס תורה טוט אויסאיידלען דעם מענטש.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, ואלה המשפטים, די משפטים וואס דו לערנסט מיט זיי, זאלסטו זעהן אשר תשים 'לפניהם', עס זאל ארויפגיין אויפן פנים! דו זאלסט עס געבן אויף זייערע פנימער! אז ווען ער לערנט תורה, זאל זיך דערקענען אין זיין צורה, אז ער איז א בן תורה! אז דאס איז איינער וואס לערנט! דער קוקט אויס אנדערש, זיין גאנצע צורה איז אנדערש. עס איז נישט נאר אז די צורה איז אנדערש, דער גאנצער מהות פון א מענטש ווערט אנדערש, דורכדעם וואס מען לערנט תורה.

**עס איז באמת צו באוואונדערן בעלי בתים, וואס זיצן נישט באהלה של תורה א גאנצן טאג, מען איז פארנומען מיט די פרנסה פון צופרי ביז ביינאכט, עס קומט נישט גרינג אן קיין פרנסה פאר אסאך מענטשן, און פון דעסטוועגן דאך נעמט מען זיך צייט פארטאגס, מען נעמט זיך צייט ווען מען קומט אהיים פון די ארבעט, און מען לערנט טאג נאך טאג. טאג נאך טאג לערנט מען די עמוד גמרא, און עס איז נישט נאר אז מען האט געלערנט די עמוד גמרא, נאר מען חזרט עס אויך איבער. און ווען עס קומט סוף פונעם חודש, פארהערט מען זיך, מען שטעלט זיך אויף א בחינה. - עס איז באמת צו באוואונדערן, אז אין אזא חשכות ווי אונז לעב מיר היינט, אין אזא געמיינע וועלט, אין אזא נידריגע וועלט, פון דעסטוועגן דאך איז דא טויזענטער און טויזענטער**

**יודען וואס האבן זיך גענומען צו לימוד התורה. זה לעומת זה עשה אלקים. דאס איז משנה דעם מענטש. און אז ער איז אנדערש, איז די בני בית אנדערש, די קינדער זענען אנדערש. דער שבת איז אנדערש. אלעס ווערט געטוישט דורכדעם וואס מען לערנט תורה.**

*

**אסאך** מאל קען אבער איינער טראכטן, עס וועט אים שאדן פאר די פרנסה. ער קען נישט ביידע צוזאמען. איך בין פארנומען מיט די ארבעט, און איך קען נישט אזויפיל צייט אוועקנעמען פון די ארבעט איך זאל קענען לערנען. ממילא לערנען איז נאך איין זאך, נאך לערנען און חזר'ן, ער זאל זיך שטעלן אויף א בחינה יעדן חודש, עס קומט אים נישט אן אזוי גרינג.

**עס** איז א טעות! אין די משנה שטייט, און אונז גלייב מיר אז וואס חז"ל זאגן איז אמת, כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ (אבות ג-ה). ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך עול תורה, נעמט מען אוועק פון אים עול מלכות. ער האט נישט צוטון מיט די רעגירונג, ער האט נישט קיין אודיט"ס אויף זיינע ביזנעס. די מלכות מישט זיך נישט אין זיינע זאכן. ווען ער דארף עפעס אנקומען צו די מלכות, ער דארף האבן זיינע זאכן, זיין סעקשאן 8 וכדומה, באקומט ער עס גרינג, אן קיין שום שטערונגען וכדומה, מען נעמט אוועק פון אים עול מלכות.

**ועול** דרך ארץ, עול פון פרנסה. יעדער ווייסט אסאך מאל איז דא געשעפטן וואס מען קען עס ערלעדיגן אין איין שעה. און אמאל איז דא וואס די זעלבע געשעפט נעמט אים טעג און וואכן, ביז עס גייט אדורך, און ער קען עס מסדר זיין. עס איז מעבירין ממנו עול דרך ארץ. די שעה וואס א יוד גיט אוועק פאר תורה, וועט ער אראפנעמען א שעה וואס דו וועסט זיך נישט דארפן פלאגן אין דיינע געשעפטן. זאכן אין די געשעפטן קומען פאר גרינג פאר א מענטש, און די זעלבע זאך וואלט געקענט נעמען טעג, וואס ער וואלט געדארפט אוועקגעבן דערויף. און דער אייבערשטער טוט אים מזמין זיין, דו האסט אוועקגעגעבן צייט פאר תורה, איך וועל עס דיר גרינגער מאכן אין דיין פרנסה.

**עס** איז דא א גמרא אין סנהדרין (צט.), כולהו גופי דרופתקי נינהו, אלע גופים זענען באשאפן געווארן אז מען דארף זיך פלאגן, יעדער דארף אדורכגיין א געוויסע עמל. די קללה פון אדם הראשון, בזיעת אפיך תאכל לחם (בראשית ד-יט). זאגט די גמרא, טוביה, גליקליך איז, לדזכי, דער וואס איז זוכה, דהוי דרופתקי דאורייתא, אז די פלאג וואס ער דארף זיך פלאגן, פלאגט ער זיך אין תורה. מען קען אויסנוצן די פלאג אויף צוויי וועגן, די שאלה איז נאר צו דו ווערסט עס אריינלייגן אין די בלעטער גמרא וואס דו לערנסט, צו דו ווערסט עס אריינלייגן אין די געשעפטן. עס טוישט איינס פאר דאס אנדערע.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, דו ווערסט איבערגעבן די תורה, נישט נאר סתם תורה ווי מען האט פריער געהערט, לערנען משניות, נאר געב זיי איבער די אלע טעמים, די בלעטער גמרא וואס מען דארף לערנען דערויף, זיי זאלן פארשטיין וואס מען לערנט. וועלן דאך מענטשן זאגן, מהיכן ירק זה חי, אויב איך געב אוועק אזויפיל צייט פאר תורה, וועל איך דאך נישט מצליח זיין אין מיין פרנסה. זאגט דער אייבערשטער, אשר תשים לפניהם, דו זאלסט וויסן, אז דער שלחן איז ערוך ומוכן לאכול, עס איז צוגעגרייט פאר א מענטש צו עסן. אמאל קומט אן גרינג פאר א מענטש דער שלחן וואס איז מוכן לאכול, ער באקומט עס אויף א טאץ. און אמאל איז דא וואס דער שלחן איז נישט אזוי מוכן לאכול, מען דארף זיך אסאך פלאגן ביז ער האט עפעס אראפצולייגן פאר זיך אויפן טיש. זאלסט וויסן, אז די תורה וואס זיי גייען לערנען, דאס וועט זיין געשאצט מיט דעם שלחן וואס איז ערוך ומוכן לאכול. פאר די שעה וואס ער וועט אוועקגעבן פאר תורה, וועט דיר דער שלחן זיין ערוך ומוכן, ער וועט צוקומען צו וואס ער דארף צו האבן.

**דער** זכות פון תורה איז זייער גרויס, מען הייבט אן א פרישע מסכתא, מיט א פרישן התחדשות, מיט א פרישן חיות. אלע האבן דאך געלערנט די פריער'דיגע מסכת אויך, אבער נישט יעדער שטעלט זיך צו, ער זאל קענען נעמען בחינות אויף די מסכתא. עס קומט א נייע מסכתא, נישט קיין גרויסע. עס איז א צייט וואס מען קען זיך מסדר זיין. לאמיר פרובירן אמאל, לאמיר פרובירן איין מסכתא, דרייסיג בלאט, עס איז נישט אזוי סאך, אז מען זאל

עס אדורכלערנען, איך וועל יא פרובירן די צוויי און א האלב בלאט וואס מען דארף לערנען יעדע וואך, און איך וועל עס איבער׳חזר׳ן. און דורכדעם וואס מען נעמט אויף זיך דעם עול תורה, איז מען זוכה אז עס איז מעבירן ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, מען זאל קענען מסיים זיין אסאך מסכתות גרינגערהייט, און אלע עול׳ס וואס דער מענטש גייט אדורך אין זיין לעבן, זאל אלעס אוועקגענומען ווערן מיט דעם עול תורה וואס ער נעמט אויף זיך. משנכנס אדר מרבין בשמחה, זאלן מיר אלע האבן פרייליכע יודישע שטובער, מיט אסאך שמחה אין יעדע יודישן הויז. שמחות מיט פרנסה, שמחות חינוך פון די קינדער, און אלעס וואס עס פעלט אויס.

**איך** וויל באדאנקן פאר די אלע וואס געבן צו, צו ׳ובהם נהגה׳. עס איז דא וואס געבן שיעורים פאר ׳ובהם נהגה׳. זיי זענען בעלי בתים, עס קאסט זיי צייט צוצוגרייטן דעם שיעור, און פון דעסטוועגן דאך פארפעלן זיי נישט, און זיי געבן די שיעורים. עס איז דא וואס געבן זיך אפ מיט די נדבנים, צוצוהעלפן דערצו אז מען זאל קענען געבן דעם פרס, דאס העלפט אסאך צו פאר יעדן איינעם, ער זאל האבן דעם חשק און די חיות גומר צו זיין. עס איז דא וואס געבן זיך אפ מיט די בחינות. רבי יהושע שטייט עומד על המשמר אויף אלעם ארום און ארום. זאל זיי דער אייבערשטער בענטשן מיט אלעם וואס זיי דארפן צו האבן, און מען זאל זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.